**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ווייזט אן אז די פענער זאלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך צו באעהרן אומגעקומענער פאליציי אפיציר אנטאני מעזערקאוויטש**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פענער אויף די סטעיט'ס געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום יולי 31 און אוגוסט 1 צו באעהרן דעם אומגעקומענעם ראטשעסטער פאליציי אפיציר אנטאני מעזערקאוויטש. פענער וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך ביים זון אויפגאנג אויף יולי 31 און אוגוסט 1, די טאג פון אפיציר מעזערקאוויטש'ס באגרעבעניש צערעמאניע, און וועלן צוריקגעקערט ווערן צו די פולע הייעך ביים זון אונטערגאנג, אוגוסט 2, נאכפאלגנדיג די צערעמאניע.

"די פארלוסט פון אפיציר מעזערקאוויטש איז געווען א זינלאזע טראגעדיע, און מיין הארץ איז מיט זיין ווייב, זיינע קינדער און אלע זיינע באליבטע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעדן טאג לייגן פאליציי אפיצירן אריין זייער לעבן אין געפאר צו באשיצן ניו יארקער, און מיר וועלן פארזעצן צו אונטערנעמען אגרעסיווע שריט צו באקעמפן רעוואלווער פארברעכנס אין אונזערע קאמיוניטיס. גאנץ ניו יארק באוויינט די פארלוסט פון אפיציר מעזערקאוויטש צוזאמען מיט זיין פאמיליע, די ראטשעסטער פאליציי דעפארטמענט און די קאמיוניטי, און מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן זיין מסירות נפש."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418